# לודמיר

הכנסת אורחים לודמיר

פרשת
בהר בחוקותי
תשפ"ו
גליון 32

אן אייביגע קשר
צום צדיק

געקליבענע עבודות און געדאנקען
ממשנתו פון דעם הייליגן צדיק
רבי שלמה קארלינער זי"ע


## קדושת הקדוש

אמרים מובחרים יקרים ומאירים מתוך הספר
'קדושת הקדוש' שנמצא בשלבי עריכה

### השגחה פרטית

**על מי מנוחות ינהלני** (תהלים כג). **אפילו אויף שטילע וואסער, דארפסטו מיר אויף פירען** [-אפילו על מים שקטים צריך גם־כן שתנהיגני], **ואיני יכול בעצמי כלום.**

(ספר שמע שלמה השלם והמפואר ענינים אות י)

עיטורי קודש

### כל מקרה מאת ה'

דרך בני אדם, שכאשר קורה מאורע יוצא דופן, הם נזכרים שה' מנהיג את העולם, אבל בחיי היום יום, כשהכול זורם ורגוע, אין הם תמיד זוכרים שה' ית' מנהיג את העולם. על כך בא רבינו ואומר, שבכל עת צריכים לזכור ולדעת שה' מנהיג אותנו, ואנו בעצמנו אינם יכולים לעשות כלום.

ובזה מבאר רבינו את הפסוק בתהילים "**על מי מנוחות**" - על מים שקטים ורגועים, גם אז -"**ינהלני**" - אני צריך גם כן שתנהיג אותי ואיני יכול בעצמי כלום.

מאמר דומה לזה מובא בספר תורת אבות (עמוד קמט) בשם תלמיד רבינו הקדוש ה"ה הרה"ק ר' מרדכי מלעכאוויטש זצ"ל, שהיה מרגלא בפומיה לומר בשם רבותיו הק': "בלי הקב"ה - אי אפשר לעבור אפילו את מפתן הבית, ועם הקב"ה - אפשר גם לקרוע את הים". כיוצא בזה מובא בספה"ק אמרי פנחס (השלם, שער או"א אות מ'): בשם הרב ז"ל [מוהר"ר רפאל ז"ל]: "בעז באהא ניע דא פאראהא", פירוש: בלי עזר השי"ת אי אפשר לעשות שום דבר, אפילו לילך עד מפתן הבית.

עוד בדומה לזה מובא בספר גנזי צדיקים (עמוד קכב) בשם הרה"ק מחמעלניק זצ"ל: "כל העולם אומרים - השי"ת מנהיג את העולם, רק מתחילה עושה האדם כל מה שביכלתו, ואחר כך כשרואה שאין לאל ידו אומר השם יתברך מנהיג את העולם. ואני אומר תיכף, השם יתברך מנהיג את העולם".

וכך גם מובא בספר אמרי פנחס הנ"ל (השלם, פרשיות אות קכ): רבי שלמה ז"ל אמר בשם הבעש"ט: "שאפילו הקערה עם המאכל עומדין על השלחן, אם אין השי"ת מצוה לאכול אי אפשר לאכול".

וכך מובא בכתבי ר' משה מידנער ז"ל: ר' משה מקאברין זי"ע אמר: "עד עכשיו לא אמרתי, רק עכשיו שהנני כבר אצל הסוף, ממש אצל הסוף, הנני אומר שהנני יכול להישבע בנקיטת חפץ - שמה שאדם מזיז ומניע באצבע הקטנה, ואף מה שקורץ בעיניו, הכל הוא בכח ה' ברוך הוא, אף להרים קש אי אפשר מבלי כח ה' ברוך הוא".

בספר יושר דברי אמת (אות ז) העמיס רעיון זה על אותו פסוק אך באופן שונה קצת: דוד המלך ביקש מהקב"ה שידע בכל עת שהקב"ה רועה אותו ובעצמו אינו יכול כלום, וזה מה שאמר "ה' רועי לא אחסר" - שלא אחסר בכל עת מן הידיעה כי ה' הוא רועי, ואז בוודאי, "בנאות דשא ירביצני על מי מנוחות ינהלני".

### האמונה בהשגחה פרטית

דבר זה הוא יסוד האמונה בהשגחה פרטית, אשר כל פעולה שהאדם עושה ולו הקטנה ביותר, וכן כל מקרה שקורה, הכול הוא בהשגחתו של הקב"ה. כפי המבואר בספה"ק מאור עינים (פרשת ויגש): "צריך להאמין באמונה שלימה כי כל כחותיו וחיותו הוא הבורא ב"ה ... וכשאתה מנענע איזה אבר מי הוא המנענע אותו כי אם הבורא ב"ה". ושם בפרשת שמות מביא הדבר בשם הבעש"ט: "עיקר הדעת לידע שכל כחותיו וחיותו הוא הבורא ב"ה, שהוא תקיף ובעל היכולת ובעל הכחות כולם והוא ית' מנענע כל הכחות שלו", ע"כ. וכבר אמרו חז"ל (חולין ז:): "אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה".

## שבוע של חיים

מתורתו של רבנו הקדוש ותלמידיו

### פרשת בהר בחוקותי

**וקראתם דרור בארץ לכל יושביה** (כה, י). 'וקראתם דרור' - אפילו מרחוק, כי כל קריאה משמע מרחוק, כמו 'מרחוק ה' אקרא'. 'לכל יושביה' - אפילו לרחוקים. כי הצדיק שהוא למעלה מהזמן בבחינת יובל שהיא התשובה עילאה, והשופר, מעלה את כל הברואים.

(שס"ה סעיפים לסב"ק מסטאלין)

**אם בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו ועשיתם אותם ונתתי גשמיכם בעתם** (כד, ג-ד). מרן ז"ל אמר בשם הרה"ק מלעכוויטש זי"ע: "אם בחוקותי תלכו" - שכל ענייניכם יהיו על פי חוק התורה, אומר השם יתברך - דער פאר [-משום כך] "ונתתי גשמיכם בעתם", אייערע גשמיות וועציך אייך ניט ווען נאר אין דער צייט [-לא תזדקקו לגשמיות כי אם בעתם].

(אמרות משה)

**ואשבור מוטות עולכם** (כו, יג). היינו נטיית עול מלכות שמים שנטה מעליו, גם ואשבור מוטות עולכם - העול הנוטה היינו עול היצה"ר.

(בית אהרן קצט.)




## דברים שנחרטו על גווילי אש

הָאוֹהֵב לְכָל יִשְׂרָאֵל וּבִפְרָט לְהָרוֹצִים עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא עַל יָדַי

דברי הקדוש איש אלקים ר' שלמה קארלינער זצלה"ה זי"ע, **יהיה לתועלת גדול ודבריו הקדושים יעשו פרי, שכל דבריו המה כגחלי אש מלא יראת שמים וקדושה.**

הרה"ק רבי מאיר יחיאל מאוסטרובצא זי"ע בהסכמתו לספר 'שמע שלמה'




טויזנטער זענען מעיד:
פון ווען כ'האב אנגעהויבן לערנע תורת רבינו האט זיך מיין גאנצער לעבן געטוישט!

# געוואונען 48 דערהויבענע יארן

שטיל איז אין צימער. דער געפיל פון די עולם הבא פילט זיך אין דעם אטמאספער. פון די קליין בעטעלע הערט זיך נישט ארויס קיין קול, אויך נישט קיין קרעכץ. עס זעט זיך נאר ארויס א ווייס פנימ'ל, מיט פארמאכטע אויגן.

העכער דאס בעטעלע, דארט וואו די שכינה רוט ביים חולה, שטייט דער הייליגער טאטע דער 'יהודי הקדוש' פון פשיסחא. זיין וויטאג איז מערקבאר. זיין קליין יהושע אשר, איינער פון זיינע דריי גרעסטענע זין, ליגט... און דער סוף דערקענט זיך שוין אויף זיין אויסגעלייטערטן געזיכט.

ארום שטייען די תלמידים. אין שפיץ פון ר' פרץ הכהן פון פשיסחא. די אנגסט איז גרויס. נישטא זיך וואס צו נארן, דער מלאך המוות איז דא אין צימער. דער טאטע בויגט זיין קאפ. דערקענט אז זיין הייליגע נשמה געזעגנט זיך שוין פון זיין בלוט און פלייש.

"ברוך אתה ה', אלוקינו מלך העולם, דיין האמת!" שניידט דורך די געדיכטע לופט די ברכה, פייערליך און ווייטאגליך.

די לופט ברעכט זיך. די תלמידים ברעכן אויס אין א געוויין. א גזירה פון הימל האט זיי באטראפן.

דער תלמיד ר' פרץ הכהן, איז אויך צווישן די וואס באוויינען דאס פארלוסט פון א יונגע אידישע הייליגע נשמה, דעם רבינ'ס זון, און אזוי באוויינענדיג דעם קרבן ציבור נישטערט ער נעבן זיך אויפן טיש. עפנט דעם חומש וואס ליגט דארט און פאר זיינע אויגן באווייזט זיך פרשת תרומה. ער ליינט מיט כוונה דעם פסוק וואס שטראלט פאר זיינע אויגן (כ"ה כ"א) 'ואל הארון תתן את העדות אֲשֶׁר אתן אליך' אבער ווען ער ליינט עס טוישט ער איין ווארט; **אֲשֶׁר** צו **אָשֵׁר** און אזוי ליינט ער מיט פארכט 'ואל הארון תתן את העדות **אָשֵׁר** אתן אליך'. איך וועל דיר געבן דיין אשר. ער זאגט נאר ארויס די ווערטער, און דער געזיכט פון דעם יהודי הקדוש לייכט אויף. אויפן ארט רופט ער זיך אן: "איך זאג צו, אז אלעס וואס איך האב אין שטוב איז מער נישט מיינע! די געשיר. די כלים. אלע פראדוקטן, געגנשטאנדן און קליידונג איז הפקר פאר די ארעמעלייט!"



דער ציון פון הרה"ק רבי יהושע אשר מפוריסוב זצוק"ל

געזאגט און געטון. אויפן ארט שטעלט ער זיך אויף, טראגט ארויס אלע זיינע האב און גוטס אינדרויסן פון הויז. און נאר דאן שטעלט ער זיך צוקאפנס פון זיין באליבטן זון, וואס ווי עס שיינט איז ער שוין אין עולם האמת.

"רבונו של עולם!" שרייט דער טאטע פון הארץ ארויס "עס איז טאקע נישט נאטורליך אז מיין יהושע אשר זאל אויסגעהיילט ווערן פון זיין שטערבליכע קרענק, אבער עס איז אויך נישט נאטורליך אז א מענטש זאל אוועקגעבן זיין גאנצע האב און גוטס פאר ארעמעלייט"

עטליכע מינוטן קלאפט דער זייגער, ביז ווען א לעבעדיגע פארב פארבט דאס אינגעלעס געזיכט. נאך אפאר מינוט פארביי און זיינע אויגן עפענען זיך. ביז צוביסלעך גייט דער קליינער יהושע אשר ארויס פון כלל סכנה.

טאקע, ארויס פון כלל סכנה אויף אן אומנאטורליכע וועג, אבער לאנג איז נאך די וועג צו א פולקאמע רפואה. דער קליינער יהושע אשר איז שוואך און אפט פאלט ער אנידער מאכטלאז, פאר'חלש'ט. דער הייליגער טאטע איז באזארגט, פראבירט מוטיגן דעם קליינעם, שפילט מיט אים די קוויטלעך שפיל. אבער ווי נאר דער אינגעלע דערלייגט פאלט ער אין חלשות. עס העלפט נישט ווען דער טאטע רעדט צו אים ליבליך פון פאראויס: "מיין קינד, יעצט גייסטו דערלייגן." די איבעראשונג באפאלט אים נאך אלס, די אנטוישונג טראגט ער נישט אריבער און ער פאלט אנידער.

"איך וועל אים שיקן קיין קאזניץ, דער קאזניצער מגיד וועט זיכער קענען באווייזן וואס איך קען נישט." האט דער הייליגער יהודי הקדוש באשטימט. א יאר צייט איז דער קליינער יהושע אשר אונטערן שאטן פון קאזניצער מגיד, וועלכער פלעגט אים טאג טעגליך נעמען צום מקווה, ביז ער האט זיך גענצליך געשטארקט.

און דער קאזניצער מגיד פלעגט זיך אנרופן צום יהודי הקדוש "ר' איד! יהודי יהודי! צוליב מיין מקווה איז דיין יהושע אשר אויף די פיס!"

אלע יארן פלעגט הרה"ק ר' יהושע אשר דאנקבאר זיין פארן קאזניצער מגיד און זיינע קינדער.

~~~

ווען אלס קינד האט ר' יהושע אשר געהוסט, האט זיין טאטע זיך אנגערופן: וואס הוסטו? א קינד הוסט נישט, נאר אן עלטערער איד.

וכך הוה. נאר אין זיין לעצטן יאר, ווען ער איז אין דעם אכט און פערציגסטן יאר פון לעבן, האט ער געהוסט.

אוועק פון דער וועלט איז ר' יהושע אשר מיטן פולסטן זין. זיין לעצטן שבת האט ער פיל מרמז געווען אויפן צוקונפט.

זיין זון הרה"ק רבי אריה מרדכי האט דערציילט וואס עס האט זיך אפגעשפילט מיטן הייליגן טאטן אין לעצטן שבת, פאר זיין פטירה.

ערב שבת, פרשת במדבר שנת תרכ"ב, איז הרה"ק רבי יהושע אשר, געזונט און פריש, ארויפגעקומען פון מקווה באגלייט מיט זיינע הייליגע זין. דאן האט ער זיך אנגערופן "די וואך שבת, ביטע קומט נישט צו מיין טיש, כדי איר זאלט קענען אויף זיין מוצאי שבת."

די קינדער האבן נישט פארשטאנען וואס דער הייליגער טאטע מיינט צו זאגן און געקומען, ווי יעדן וואך, מיטהאלטן דעם שבת טיש ביין טאטן.

די אומפארשטענדליכע בקשה האט זיך איבערגע'חזר'ט אויך נאך דעם דערהויבענעם טיש און אויך נאך דעם גרויסן קידוש שבת צופרי. שלש סעודות זענען די זין ווידער אנגעקומען! און נישט געבליבן אינדערהיים רוען, ווי דעם טאטנ'ס בקשה.

בשעת דעם דערהויבענעם שלוש סעודות טיש. האט ר' יהושע אשר געבעטן פון זיין עלטסטן זון, רבי יעקב צבי, בעל 'עטרה לראש צדיק', צו שניידן די חלה. ר' יעקב צבי האט נישט געוואלט, צוליבן כבוד פון זיין טאטן, אבער ר' יהושע האט געהייסן און געזאגט: "לערן דיר שניידן און משפיע זיין ברכה פאר כלל ישראל."

ביי מלווה מלכה איז עס ווידער געווען. דער עטרה לראש צדיק איז געבעטן געווארן צו שניידן די חלה. די אומפארשטענדליכע פירונג האט פארגעזעצט אויך ווען דער טאטע האט געבעטן פרישע אנצוגן, און אויך ווען ער האט געבעטן אנצינדן ליכט אין יעדן לייכטער וואס איז אין הויז. אין אלע צימערן. אבער קיינער האט גארנישט פארדעכטיגט.

נאך די אומפארשטענדילכע פירונג איז ר' יהושע אשר אריין אין בעט און מיט א רואיגקייט גערייכערט זיין פייפקע אפאר מינוט, עס אוועקגעלייגט נעבן זיך אויפן בענקל, זיך צוגעדעקט מיט די דאכענע, איין קרעכץ און ער האט צוריק געגעבן זיין נשמה צום באשעפער.

~~~

הרה"ק ר' יהושע אשר זיע"א, איז דער גרינדער פון שושלת פאריסאוו, און די פאמיליע ראבינאוויטש, וועלכע אלע שטאמען פון אט דעם הייליגן בוים. אנגענומען אלס תלמיד פון הרה"ק ר' אורי מסטרעליסק - און אזוי אויך פון הרה"ק פון ראדושיץ און הרה"ק פון רוזין. זיע"א.

הרה"ק רבי יהושע אשר מפאריסאוו זיע"א - יומא דהילולא כ"ה אייר.

(ע"פ ספר 'תורת היהודי הקדוש')

על הציון
של הקדוש הזה,
הוא ממש כמו שעומדים
לפניו בחיים חיותו.
(רבי אשר מסטאלין)

צדיקים פון די פריערדיגע דורות האבן מעיד געווען:
אז רבי שלמה בן יוטא קען מבטל זיין אלע גזירות קשות ורעות

דארפט איר א ישועה?
ווילט איר שפירן ווי איר שטייט בצילו
פון א צדיק אמת כמו בחיים חיותו?

קומט קיין לודמיר צום ציון
פון קודש הקדשים
רבי שלמה קארלינער זי"ע

בזכותיה דרבי שלמה בן יוטא ענני

פאר פרטים פון דעם הכנסת אורחים אין לודמיר
רופט: 518.592.0087





